לעי"נ הגה"ח ר' שמחה בונים ב"ר אליעזר ז"ל

# פְּנִינֵי קֹדֶשׁ

לאור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אידיש

בס"ד, שנה ב', גליון עא
חג הפסח - תשפ"ג לפ"ק

יוצא לאור על ידי מערכת "מסילות באור החסידות"
שע"י מכון אור הצפון דחסידי בעלזא

## א ווארט אויף די הגדה

### אויב מען פירט זיך אויף אזויווי עס דארף צו זיין, דארף מען נישט מורא האבן פון דער יום המיתה

**"קַדֵּשׁ. ווען דער טאטע קומט אהיים פון שוהל טוט ער זיך אָן די ווייסע קיטל, און ער מאכט גלייך קידוש".**

מען קען ערקלערן דער שייכות צווישן די ווייסע קיטל און קידוש, ווייל די ווייסע קיטל טוט מען אָן כדי מען זאל געדענקען דער טאג וואס וועט קומען נאך לאנגע גוטע יארן (דער יום המיתה), דערפאר מאכט מען גלייך קידוש, ווייל ביי קידוש זאגן מיר: **"אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון... כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים"**, וואס דאס ווייזט אויף די צוויי קדושות פון די אידישע קינדער: **א.** 'אשר בחר בנו' ווייזט אויף די אייגענע קדושה וואס יעדע איד האט דורך דעם וואס ער ארבעט זיך אויס און היט די תורה און מצוות; **ב.** 'כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים' איז קעגן די גרויסע קדושה וואס מיר האבן פון אונזערע הייליגע עלטערן, אברהם יצחק און יעקב.

ווען א איד איז אויסגעארבעט מיט די צוויי קדושות, דארף ער נישט מורא האבן פון דער יום המיתה, אזויווי עס שטייט שוין אין **פרשת ראה** (דברים יד, א ב): "לֹא תִתְגֹּדְדוּ וְלֹא תָשִׂימוּ קָרְחָה בֵּין עֵינֵיכֶם לָמֵת, כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַה' אֱלֹקֶיךָ וּבְךָ בָּחַר ה' לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה", און **רש"י** ערקלערט דארט אז עס איז מרומז אין פסוק די צוויי קדושות: "כי עם קדוש אתה" - דאס איז די קדושה פון די אבות, "ובך בחר ה'" - דאס איז די אייגענע קדושה פון יעדע איד; און ווען א איד האט די צוויי קדושות דארף ער זיך נישט זארגן פון דער יום המיתה, אזויווי דער פסוק זאגט: "לא תתגודדו ולא תשימו קרחה...".

(ליל הסדר תשמא)

### לערנען דווקא די ענינים פון יציאת מצרים

**וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה, מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם.**

מען דארף פארשטיין וואס איז דער פשט דערפון? פארוואס זאל מען מיינען אז די חכמים און די וואס קענען די תורה דארפן נישט מקיים זיין דער מצוה פון סיפור יציאת מצרים?!

נאר דער פשט איז, אז עס שטייט טאקע אז מען דארף אויפבלייבן אין די נאכט פון פסח, אבער מען וואלט געקענט טראכטן אז די גרויסע חכמים און נבונים, די אידן וואס קענען די גאנצע תורה, דארפן נישט עוסק זיין דווקא אין דער סיפור פון יציאת מצרים, נאר זיי קענען אויך לערנען אנדערע זאכן פון די תורה, ווייל מיר ווייסן דאך אז דער גאנצע תכלית פון יציאת מצרים איז געווען אז מען זאל שפעטער באקומען די הייליגע תורה ביים בארג סיני, אויב אזוי וואלט מען געקענט מיינען אז מען קען אויך לערנען אנדערע זאכן.

דערפאר זאגן מיר: "ואפילו כולנו חכמים... כולנו יודעים את התורה, מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים" דווקא. און מען ברענגט א ראיה דערצו, אז אזוי איז געווען ביי די הייליגע תנאים: **"מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה"**, זיי האבן א גאנצע נאכט עוסק געווען אין יציאת מצרים, און נישט געלערנט אנדערע זאכן. **"עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית"**, - די תלמידים זענען געקומען זאגן אז מען קען שוין לערנען אנדערע זאכן.

דער טעם פארוואס מען דארף לערנען דווקא די ענינים פון יציאת מצרים איז, אזויווי די **צדיקים** האבן געזאגט אז ווען מען לערנט די ענינים פון יציאת מצרים, און בפרט אין די צייט פון פסח, איז מען מעורר נאכאמאל אלע ניסים ונפלאות וואס איז געווען דעמאלטס, אז מיר זאלן אויך זוכה זיין דערצו, דערפאר דארף מען דערציילן דווקא די ענינים פון יציאת מצרים.

(סעודה ג' שבת הגדול תשמז)

### מיר ווערן געראטעוועט פון די גוים ווייל זיי זענען נישט באחדות

**וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ, שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם.**

עס שטייט אין **גמרא** (פסחים פז, ב) אז דער אייבישטער האט געמאכט א חסד מיט די אידן, אז ער האט זיי אויסגעשפרייט אין גלות אין פארשידענע לענדער, אזוי קומט אויס אז די גוים קענען זיך נישט צוזאמען נעמען כדי צו פארלענדן די אידן ח"ו, וויבאלד די אידן זענען צושפרייט אין די גאנצע וועלט, און ווען איין קעניג וויל זיי שלעכטס טוהן קען מען אנטלויפן צו א צווייטע מדינה.

מיט דעם ערקלערן די **ראשונים** (דרשות הר"ן, א) דער ענין פון דער 'דור הפלגה', אז וויבאלד אלע פעלקער האבן זיך צוזאמען גענומען אינאיינעם, אזויווי עס שטייט דארט אין פסוק (בראשית יא, א): "ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים", האט זיי דער אייבישטער צושפרייט אין די גאנצע וועלט, ווייל עס איז נישט קיין טובה פאר די אידן אויב די גוים זענען באחדות.

דאס איז וואס מיר דאנקען דא דער באשעפער אין די הגדה: **"והיא שעמדה לאבותינו ולנו"** - דאס איז בייגעשטאנען פאר אונזערע עלטערן און פאר אונז אין גלות, **"שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו"** - דער אייבישטער האט געזארגט אז עס זאל קיינמאל נישט זיין אז אלע גוים זאלן אונז וועלן שלעכט'ס טוהן אינאיינעם, **"אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו"** - אין יעדע דור שטיין אסאך גוים אויף קעגן אונז, און זיי זענען נישט באחדות צווישן זיך, און דורך דעם ווערן מיר געראטעוועט פון זיי, **"והקב"ה מצילנו מידם"**.

(ליל הסדר תשלב, ועוד)

### דער תכלית פון די תורה - אהבת ה' און יראת ה'

**אִלּוּ קֵרְבָנוּ לִפְנֵי הַר סִינַי וְלֹא נָתַן לָנוּ אֶת הַתּוֹרָה, דַּיֵּינוּ.**

עס איז באקאנט די קשיא: וואס וואלטן מיר געהאט פון צו זיין ביי די בארג סיני אָן צו באקומען די תורה?

דער תירוץ איז, אז עס שטייט אין די **הייליגע ספרים** אז דער תכלית פון לערנען די הייליגע תורה, איז כדי מען זאל צוקומען דורך דעם צו **אהבה** און **יראה** - ליב האבן דעם אייבערשטן און מורא האבן פון איהם; און צו די צוויי זאכן זענען די אידן שוין צוגעקומען ווען זיי זענען געווען ביים בארג סיני, נאך פאר זיי האבן באקומען די תורה: **יראת השם** - אזויווי עס שטייט אין פרשת יתרו (שמות יט, טז): "ויהי ביום השלישי בהיות הבוקר ויהי קולות וברקים וענן כבד על ההר, וקול שופר חזק מאוד ויחרד כל העם אשר במחנה" - פון די גרויסע קולות וואס איז געווען ביים בארג סיני זענען די אידן צוגעקומען צו א געוואלדיגע יראה און פחד פון דער גרויסע באשעפער; **אהבת השם** - אזויווי מען דערציילט אז אמאל איז א איד געקומען צום **הייליגע סטרעליסק'ער זי"ע** און געבעטן אַן עצה צו זוכה זיין צו יראת שמים, האט איהם דער סטרעליסק'ער געענטפערט: "אויף יראת שמים האב איך נישט קיין עצה, אבער איך קען דיר געבן אַן עצה וויאזוי צו זוכה זיין צו אהבת השם, און דאס איז דורך ליב האבן אידן, ווייל דורך דעם וואס א איד האט ליב אידישע קינדער איז ער זוכה צו ליב האבן דעם אייבערשטן". ווען די אידן זענען אנגעקומען צום בארג סיני, איז דאך געווען צווישן זיי א געוואלדיגע ליבשאפט, אזויווי עס שטייט אין פסוק (שם, ב): "ויחן שם ישראל נגד ההר", און רש"י שרייבט אויף דעם: "כאיש אחד בלב אחד", אויב אזוי זענען זיי דאך אויך צוגעקומען צו אהבת השם.

דערפאר זאגן מיר: **"אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו"** - ווייל ביים בארג סיני האבן מיר שוין זוכה געווען צו יראת ה' און אהבת ה', וואס דאס איז דער תכלית פון די תורה.

(ליל הסדר תשכח)

## א געדאנק
אויף ענינא דיומא

### דער גרויסקייט פון די מצה

דער הייליגע **מהר"ל** זצ"ל שרייבט (גבורות ה' פרק לו), אז דערפאר זענען די מַצוֹת פון די אידן אין מצרים נישט חמץ'דיג געווארן, ווייל כדי אז א טייג זאל ווערן חמץ דארף דאס שטיין **א שטיק צייט**, און פסח האט דער אייבישטער אויפגעהויבן די אידן צו זייער א הויכע מדריגה, ביז זיי זענען שוין געווען **'למעלה מן הזמן'**, העכער פון די 'צייט', און ממילא זענען זייערע מצות נישט חמץ'דיג געווארן, אזויווי מיר זאגן ביי די הגדה: "מַצָּה זוֹ שֶׁאָנוּ אוֹכְלִים עַל שׁוּם מָה, עַל שׁוּם שֶׁלֹּא הִסְפִּיק בְּצֵקָם שֶׁל אֲבוֹתֵינוּ לְהַחֲמִיץ **עַד שֶׁנִּגְלָה עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּגְאָלָם**" - די מצות האבן נישט געקענט ווערן חמץ **ווייל** דער אייבישטער האט זיי אויפגעהויבן אזוי הויעך.

מען קען צולייגן אויף דעם, אז **רש"י** ברענגט אין פרשת בשלח (טז, א לה), אז די אידן האבן געגעסן פון די מצות וואס זיי האבן ארויסגענומען פון מצרים 30 טעג, און עס האט געהאט א טעם פון די מָן. און אויף די מָן שטייט אין **גמרא** (יומא עה, ב) אז דאס איז א מאכל וואס די מלאכי השרת עסן דאס. לויט די ווערטער פון די מהר"ל שטימט דאס זייער גוט, ווייל די מלאכים זענען דאך 'למעלה מן הזמן', און די מצות פון די אידן איז אויך געווען 'למעלה מן הזמן', דערפאר האט דאס געהאט א טעם פון די מן.

נאך שטייט אין **גמרא** (יומא שם) אויף די מן, אז עס איז געווען אנדערש פון אלע מאכלים וואס האבן אויך א חלק פון 'פסולת' וואס קומט צוריק ארויס, אבער די מן האט געהאט נאר גוטע חלקים, און עס איז גארנישט ארויסגעקומען נאך דעם. עס קען זיין אז אויך די מצות פון די אידן איז אזוי געווען, און דערפאר האבן זיי געגעסן דערפון 30 טעג, ווייל עס איז געווען אזויווי די 'וויטאמינים', וואס אביסל דערפון ענטהאלט אסאך גוטע כוחות.

אין **די הייליגע ספרים** שטייט, אז יעדע יאר ווערט נשפע נאכאמאל די זעלבע השפעות וואס איז געווען פסח אין מצרים, אויב אזוי קומט אויס אז אויך די מצות וואס מיר עסן פסח ביינאכט האבן די געוואלדיגע סגולות וואס די מצה אין מצרים האט געהאט, אזויווי מיר זאגן ביי די הגדה אויף **אונזערע** מצה: **"הָא לַחְמָא עַנְיָא דִּי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם"** - **דאס ממש** איז די ברויט וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן אין מצרים.

מיט דעם קען מען אויך פארשטיין וואס מיר זאגן ווייטער: **"כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל, כָּל דִּצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח"** - ווער עס וויל קען קומען עסן מיט אונז, און מיר האבן נישט מורא אז עס וועט נישט זיין גענוג מצה פאר אלע געסט, ווייל די מצה האט דאך די זעלבע כח פון די מן, און פונקט אזויווי די מצה פון מצרים איז געווען גענוג פאר 30 טעג, אזוי אויך וועט אונזערע מצה זיין גענוג פאר יעדעם.

און מיר זאגן ווייטער: **"הָשַׁתָּא הָכָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל. הָשַׁתָּא עַבְדֵי, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין"** - דאס איז א רמז אז פונקט אזויווי די מצה אין מצרים איז געווען 'למעלה מן הזמן', אזוי אויך איז אונזערע מצה 'למעלה מן הזמן' און מיר קענען שוין **יעצט** זוכה זיין אז עס זאל נשפע ווערן אויף אונז די השפעות וואס וועלן זיין די קומענדיגע יאר ווען מיר וועלן זיין אין ארץ ישראל בני חורין, מיט משיח צדקנו.

(ליל הסדר תשן)

## סיפורי קודש
אויף יו"ט פסח

### די גרויסע חשיבות פון די 'מים שלנו'

**דער בילגורייא'ער רב זי"ע** דערציילט אין זיינע 'כתבים', אז זיין טאטע - **דער פריערדיגע רב זי"ע** האט געהאט א מנהג יעדע ערב פסח נאך די גאנצע עבודת היום צו **טועם זיין אביסל פון די 'מים שלנו', און טיילן דערפון פאר די שטוב-מענטשן**.

לכאורה דארף מען פארשטיין: צו דען איז דא א קדושה אין די וואסער? עס איז דאך פשוט'ע וואסער וואס מען האט געשעפט כדי צו באקן מיט דעם די מצות?

אבער דער אמת איז אז די וואסער האבן אין זיך א גרויסע קדושה, וויבאלד אידישע קינדער האבן אזא השתוקקות צו מקיים זיין די מצוה פון באקן מצות, און זיי גייען שעפן די וואסער מיט א ברען און מיט געזאנגען, און נאכדעם באקט מען מיט זיי די מצות און מען זאגט דערביי הלל, און מיט דעם ווייזן מיר ווי חשוב עס איז ביי אונז די מצוות און די הכנה צו די מצוות, דורך דעם באקומט די וואסער א גרויסע קדושה, און **ווער עס איז זוכה קען שפירן אין זיי דער טעם פון די וואסער פון די 'בארה של מרים'**.

(שיחת קודש יג ניסן תשמה)

### מיר זאגן 'שלום עליכם' כדי די מלאכים זאלן נישט מקטרג זיין

עס איז באקאנט אז אויף יענע וועלט איז דא א בית-דין פון צדיקים וואס זענען שוין נפטר געווארן, און זיי משפט'ן די נשמות וואס גייען אוועק פון די וועלט. אמאל זענען די נשמות געקומען צו **הרה"ק רבי מענדל פון רימנוב זי"ע** און איהם דערציילט, און איינע פון די דיינים איז **הרה"ק רבי מיכל פון זלאטשוב זי"ע**, וואס ער איז געווען אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסע קדושה און טהרה, און דערפאר האט ער גע'משפט זייער שטרענג די מענטשן וואס זענען נכשל געווארן מיט עבירות אין ענינים פון קדושה, ווייל צוליב זיין גרויסע הייליגקייט האט ער נישט געקענט פארשטיין וויאזוי קענען מענטשן דורכפאלן מיט אזעלכע עבירות.

האט רבי מענדל רימנוב'ער געדאוונט פאר'ן אייבערשטן אז מ'זאל אוועקנעמען רבי מיכל'ע פון דער בית דין של מעלה, וויבאלד ער קען נישט מלמד זכות זיין אויף אידן וואס זענען נעבעך אדורך געפאלן, און מ'זאל נעמען א צווייטע צדיק וואס איז נישט אין זיין הויכע מדריגה, און ער וועט שוין קענען מלמד זכות זיין אויף די אידן...

לויט די מעשה קען מען ערקלערן דער טעם פון אונזער מנהג אז מען זאגט פסח ביינאכט [ווען עס געפאלט אין שבת] **'שלום עליכם'**. ווייל אויב א מענטש וואס איז געווען אויף דער וועלט קען ווערן אזוי שטארק אויסגעארבעט ביז ער פארשטייט שוין בכלל נישט וויאזוי מען קען זינדיגן, איז דאך אוודאי און אוודאי אז א מלאך ממש פארשטייט בכלל נישט וויאזוי מענטשן דערוואגן זיך צו זינדיגן קעגן דער הייליגע באשעפער. פסח ביינאכט קומען דאך די מלאכים אראפ אויף דער וועלט, אזויווי עס שטייט אין **זוהר הקדוש** (ח"ב מ, ב) אז דער אייבישטער נעמט צוזאמען די גאנצע פמליא של מעלה, דערפאר האבן מיר מורא אז זיי וועלן אנהויבן צו מקטרג זיין אויף אונז און זיי וועלן זאגן אז מיר זענען נישט מקיים די מצוות מיט גענוג אהבה און יראה, מיט די ריכטיגע התלהבות און שמחה, דערפאר בעטן מיר זיי: "ברכוני לשלום מלאכי השלום" - זיי זאלן נישט מקטרג זיין אויף אונז, און זיי זאלן פארשטיין אז מיר געפונען זיך אין זייער א נידריגע און מגושמ'דיגע וועלט, און מיר האבן גרויסע נסיונות, און עס איז נישט אזוי לייכט צו דינען דעם אייבערשטן בשלימות.

לויט דעם טעם וואלט מען טאקע געדארפט זאגן 'שלום עליכם' יעדע יאר פסח ביינאכט [נישט נאר ווען עס געפאלט אין שבת], נאר מיר ווילן נישט טוישן פון א גאנצע יאר, אבער לכל הפחות ווען עס געפאלט אין שבת זאגן מיר דאס אזויווי יעדע שבת.

(ליל הסדר תשנח)

### מען דארף געדענקען צו דאווענען אויף די גאולה

צדיקים האבן דערציילט, אז ביי **דער הייליגע רבי פון לובלין זי"ע** האבן זיך געדרייט פיר הונדערט בעלי רוח-הקודש, אויסער אלע מלאכים וואס האבן זיך דארט געדרייט, און פונדעסטוועגן האבן זיי נישט אזוי שטארק געדאוונט אויף די גאולה, ווייל זיי האבן נישט געשפירט אז עס פעלט זיי עפעס, וויבאלד זיי האבן געהאט די זכיה צו זען די הייליגע עבודה פון דער רבי פון לובלין, וואס דאס איז געווען ממש אזויווי די עבודה פון דער כהן גדול אין בית המקדש.

אין די גרויסע הייליגע לעכטיגע נאכט פון פסח, ווען די גאנצע פמליא של מעלה קומט אראפ כדי צו מיטהאלטן די סדר-נאכט, קען מען דאך אויך פארגעסן צו דאווענען אויף די גאולה, דערפאר הייבט זיך אָן די הגדה: **"השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל"**, כדי אונז צו דערמאנען אז כאטש די נאכט פון פסח איז זייער הויעך, אבער דאס איז נאר איין נאכט; און אפילו די נאכט אליינ'ס, ווען משיח וועט קומען וועט דאס זיין אויף אסאך א העכערע אופן, דערפאר זאל מען געדענקען צו דאווענען אויף די גאולה השלימה, און אזויווי מיר בעטן אויך ביים סוף פון די הגדה: **"כן יגיענו ה' אלקינו למועדים ולרגלים אחרים שמחים בעירך וששים בעבודתך"**.

(ליל הסדר תשלז)


תודתינו והוקרתינו נתונה לידידינו שתרמו מהונם להצלחת הוצאת גליון זה

דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ
כל חסיד בעלזא אומר מדי יום את קאפיטל התהלים הקבוע
להצטרפות וקבלת קאפיטל תהלים יומי קבוע
חייג למערכת "על הצדיקים"
02.313.7666
על הצדיקים



לעילוי נשמת
הרה"ח ר' **נח** בן הרה"ח ר' **אהרן** ז"ל
נלב"ע י"ז ניסן תשע"ג
הונצח על ידי **האחים זאבלאצקי** שליט"א

הרה"ח ר' **צבי שטערנליכט** שליט"א
מאנטריאל
לעילוי נשמת אביו הרה"ח ר' **שמואל גבריאל** ז"ל
בן יבדלחט"א ר' **אברהם בן ציון** שליט"א

הרה"ח ר' **משה שלמה הורוביץ** שליט"א
מאנטריאל
לעילוי נשמת אביו הרה"ח ר' **מנחם צבי** ב"ר **עזריאל הלוי** ז"ל
נלב"ע י"ט ניסן תשע"ח